# הבינוני

פרשת נח ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון כ"ד ||| שנה ב'

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

הבינוני
"לבנון ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר בראשית
הרוצה בעילום שמו
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות


## בך בטחתי

## לקיים כל דבר;

### בטחון איז די איינציגע גאַראַנטיע פאר דער קיום פון יעדע זאַך אויף דער וועלט

יום שני פרשת מסעי, כ"ו תמוז תשע"ט

א

## חוקות שמים וארץ שמתי; די גאַנצע קיום פון דער בריאה איז דורך געדענקן דעם אויבערשטן

### די חיות פון יעדע זאַך איז 'אמונה'

אין דעם פאָריגן מאמר איז אויסגעשמועסט געוואָרן דער יסוד וואָס דער **'חובת הלבבות'** שרייבט אין דער פּתיחה צו זיין **'שער הבטחון'**, אַז **דער 'קיום' פון יעדע זאַך אויף דער בריאה קען נאר פּאַסירן בלויז אויב דער מענטש נעמט זיין חיות פון זיך אמת'דיג פאַרלאָזן פונעם אויבערשטן!** ווידעראום אויב דער מענטש פאַרגעסט פונעם אויבערשטן וועט דאָס אויטאָמאַטיש גורם זיין אַ "הפסד" פאר דער זאַך, ווייל ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין חיות און דעריבער ווערט דאָס נפסד און פאַרלוירן. אַסאַך מאָל געשעט דאָס גלייך אויפ'ן אָרט און אַסאַך מאָל וועט עס געדויערן 20-30 יאָר אָדער מער.

### די סיבה פאַרוואָס נישט אַלעמאָל בלייבט די הצלחה אויף אייביג

דער חובת הלבבות ברענגט דערויף עטליכע פּסוקים וואָס זאָגן אונז קלאָר: "קוק זיך אַרום ווערסטו זען! דער בחור אין ישיבה וואָס האָט געהאַט כבוד און פּראָטעקציע צוליב זיינע עלטערן'ס געלט, ער איז געווען אַ בעל כשרון און אַלע האָבן אים געגעבן כבוד, כאַפּ יעצט אַ בליק אויף אים, 25 יאָר שפּעטער און ס'איז גאָרנישט געבליבן פון די אַלע זאַכן. אצינד קוק אויף דעם בחור וואָס האָט נעבעך נישט געהאַט קיין כשרונות און קיין בכבוד'יגע משפּחה, אָבער יעצט האָט ער נחת און הצלחה!".

ווען מען זעט אַזאַ זאַך לאָמיר זיך נישט אַרויסדרייען מיט דעם פּזמון: "מען קען נישט וויסן די חשבונות פון הימל". אודאי איז דאָס אמת אַז מיר האָבן נישט דעם גאַנצן בילד און מיר פאַרשטייען טאַקע נישט די חשבונות שמים, אָבער פאָרט דאַרפן מיר זיך מתבונן זיין אין דעם מציאות וואָס מיר זען. אַזוי ווי דער רמב"ם שרייבט לגבי די 'טעמי המצוות', אַז אפילו מיר קענען נישט פאַרשטיין אַלע טעמים, האָבן מיר אַ חיוב צו זיך מתבונן זיין דערינען אויף וויפיל מיר קענען יאָ משיג זיין.

דאָס זעלבע איז לגבי דעם ענין; מען טאָר געוויס נישט דן זיין קיינעם בפרטיות ח"ו, "אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו", אָבער **באופן כללי דאַרף מען זיך אומקוקן און זען וויאַזוי עס אַרבעט דער מהלך פון דער בריאה, אַז דער קיום פון יעדע זאַך איז בלויז בטחון אין השי"ת! און אויב דער מענטש רייסט זיך אָפּ פון דעם אויבערשטן וועט ער נישט האָבן קיין הצלחה!** דאָס געלט און די חכמה וועט אים גאָרנישט ברענגען בלויז עגמת נפש!

### נישט אייביג איז די וועלט אַ 'גלגל החוזר'...!

אַמאָל זעט אַ מענטש וואָס איז געווען ביים שפּיץ פון הצלחה, יעדער האָט גערעדט פון זיין געוואַלדיגע סוקסעס, ער האָט געהאַט געלט מיט כבוד אָן קיין שיעור, אָבער ס'גייט אַריבער פינף - צען יאָר און ער איז אַראָפּגעפאַלן בדיוטא התחתונה. זאָגן דעמאָלט מענטשן: "אַזוי גייט די וועלט, ס'איז אַ גלגל החוזר, אַמאָל דערהייבט זיך דאָס מזל און אַמאָל גייט עס אַראָפּ"...

דאָס איז נישט די ריכטיגע הסתכלות לויט דעם חובת הלבבות, ווייל דאָס האָט לאו דוקא מיט 'גלגל החוזר', דאָס האָט מיט איין זאַך: **אויב מען לאָזט אַרויס דעם אויבערשטן, מען פאַרלאָזט זיך אויף די אייגענע עושר און חכמה, רייסט מען זיך אָפּ פון השי"ת!** און לויט ווי דער 'סדר הבריאה' אַרבעט וועט מען פאַרלירן די גאַנצע הצלחה, **ווייל מען האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם שורש החיות!**

מ'קען דאָך זען אַז ס'איז דאָ ערליכע אידן וואָס ביי זיי איז נישטאָ דער 'גלגל החוזר'. זייער הצלחה האָט אַ קיום און זייער השפּעה ברוחניות ציעט זיך פאר צענדליגער יאָרן במשך כל ימי חייהם, און אפילו לאחר פטירתם גייט זייער ליכט ווייטער הונדערטער יאָר! **פאַרוואָס זעט מען נישט ביי זיי דעם 'גלגל החוזר'?!** ווייל זייער חיות האָבן זיי געשעפּט פון דעם אמת'ן מקור, דעריבער האָט עס אן אייביגע קיום, לנצח נצחים!

### די מחשבות אמונה פון אידן האַלט אויף די וועלט

מיר ווייסן אַז דער גאַנצער קיום העולם איז דורך קיום התורה, ווי דער פּסוק זאָגט: **"אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי"**. און לויט דעם יסוד פון דעם חובת הלבבות ליגט דאָ אַ טיפערע דערהער: באמת וואָלט די גאַנצע וועלט געדאַרפט צוריקגיין צו 'תהו ובוהו' יעדע רגע, ווי דער **אור החיים הק'** זאָגט אין פּרשת בראשית אויפ'ן פּסוק 'תולה ארץ על בלימה". ווייסט ווער עס מאַכט אַז די וועלט זאל האָבן אַ קיום, אַז די ביימער און גראָז זאלן ווייטער וואַקסן און זאַכן זאָלן זיך האַלטן?! **דאָס איז די מחשבות פון הייליגע אידישע קינדער וואָס טראַכטן אַז דער רבוש"ע איז מקיים די וועלט!** אַדאַנק זיי האַלט זיך טאַקע די וועלט און עס צעפּאַלט נישט!

ס'איז דאָ צוויי פּסוקים וואָס אויב מען האָט דאָס נישט אינזין דאַרף מען דאָס איבערזאָגן ביים דאַווענען; דאָס איז דער פּסוק "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" און דער פּסוק "פּותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון". ווייל די צוויי פּסוקים זענען

אַ פּירוש איינע אויף די אַנדערע, **אַז דער רבוש"ע גיט חיות פאר דער גאַנצער בריאה בכלל און פאר יעדע קלייניגקייט בפרט!** ווען מען חזר'ט און מען געדענקט די צוויי פּסוקים איז דאָס דער גאַנצער קיום פון יעדע זאַך! ווי שלמה המלך זאָגט אין **משלי** (י, כה) "צדיק יסוד העולם", **די סאָרט מחשבות פון ערליכע אידן זענען דער יסוד וואָס גיט חיות פאר דער וועלט!** די וועלט קען נישט שטיין אָן דעם!

## די מחשבה פונעם מענטש איז אים מציל פון גזל

ס'איז דאָ אַ וואָרט פון פריערדיגע אויף דעם וואָס **חז"ל** לערנען אַרויס אַז מען טאָר נישט ברענגען אַ קרבן 'מן הגזל' און זיי לערנען דאָס אַרויס פון דעם פּסוק 'אדם כי יקריב מכם' - אַז פּונקט ווי אדם הראשון האָט נישט געברענגט קיין קרבנות פון גזל, טאָרן מיר אויך נישט.

שטעלט זיך לכאורה די קשיא אַז אדם הראשון האָט דאָך בכלל נישט געקענט ברענגען 'מן הגזל', ווייל ס'איז נישט געווען קיין אַנדערער מענטש אויף דער וועלט. ס'איז ביי אים נישט געווען שייך אַזאַ זאַך ווי גזל, אויב אַזוי וויאַזוי קענען מיר אַרויסלערנען פון אים אויף שפּעטער?!

נאר דער פּשט איז ווי די **גמרא** זאָגט אין מסכת **ברכות** (לה, א): אַז איידער מען מאַכט אַ ברכה באַלאַנגט די עסנוואַרג פאַר'ן אויבערשטן ווי דער פּסוק זאָגט "לה' הארץ ומלואה", און נאָך די ברכה גיט עס דער אויבערשטער פאַר'ן מענטש, ווי דער פּסוק זאָגט "והארץ נתן לבני אדם", ווייל דער מענטש האָט מכיר געווען אַז עס קומט פון השי"ת.

אדם הראשון וואָלט ווען געקענט טראַכטן אַז אַלעס וואָס ער האָט איז זיינס, און **אויב וואָלט ער געהאַט אַזאַ מחשבה וואָלט דאָס געווען אַן ענין פון גזל!** אָבער ער האָט נישט געטון אַזוי, נאָר ער האָט געגלייבט און געוואוסט אַז אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט קומט פון דעם אויבערשטן וואָס איז אים מחיי יעדע רגע, **דערפאַר ווערט דאָס אָנגערופן אַז ער האָט נישט מקריב געווען קיין קרבן 'מן הגזל'!** אויב וואָלט ער זיך בוטח געווען בעצמו חלילה וואָלט דאָס געוואָרן אָנגערופן 'גזל' פונעם אויבערשטן, וואָס לה' הארץ ומלואה!

דאָס הייסט אַז די מחשבה פונעם מענטש איז נישט קיין קלייניגקייט. ווען אַ איד טראַכט אַז דער אויבערשטער גיט אים די חכמה, די חיות, דאָס געלט, די טאַלאַנטן, א.א.וו. דעמאָלט ברענגט ער פאַקטיש חיות פאר די אַלע זאַכן. זיין מחשבה פון בטחון און אמונה איז מחיי די בריאה און דאָס איז דער גאַנצער קיום פון יעדע הצלחה!

ב

# יסוד העולם; נישט פאַרגעסן קיין רגע אַז מיר זענען פולקאָם אָנגעוויזן אין השי"ת אויף יעדן טריט און שריט

## די וויכטיגקייט פון 'קביעות עתים'; וואָס טוט מען נישט פאר פּרנסה?!

אָט דער יסוד איז אַזוי וויכטיג צו וויסן און לעבן דערמיט. אַמאָל איז דאָ אַ מענטש וואָס בייסט אַביסל אַראָפּ פון זיין 'קביעת עתים לתורה' ווייל ער דאַרף דאך טון פאַר פּרנסה. דער מענטש זאָגט: **"וואָס זאָל איך טון? איך האָב דאָך נישט קיין צייט ווייל איך מוז פאַרדינען מער געלט".**

אָבער דער אמת איז אַז אָן קיין 'קביעת עתים לתורה' **קען ער נישט באַקומען זיין חיות פון דעם אויבערשטן!** דער רבוש"ע האָט קיינמאָל נישט געהייסן טון אַזאַ סאָרט השתדלות אויב מען קען נישט קובע זיין עתים לתורה! אַז ס'איז נישטאָ די דביקות צום אויבערשטן ווערט חלילה נפסד די חיות און ס'וועט נישט קומען די שפע!

מען דערציילט אַז אַ איד איז אַמאָל געקומען צו איינער פון די פריערדיגע צדיקים זיך אָפּרעדן אַז ער האָט נישט קיין פּרנסה, האָט אים דער צדיק געזאָגט אַז אויב ער וועט זיין בשמחה וועט ער האָבן פּרנסה, ווייל די סופי תיבות פון "והיית אך שמח" איז דער שם "חת"ך", וואָס איז די זעלבע סופי תיבות פון "פּותח את ידיך".

ווען דער איד האָט געפרעגט: "אָבער וויאַזוי קען איך זיין בשמחה אַז איך האָב נישט קיין פּרנסה?", האָט אים דער צדיק געזאָגט: "וואָס טוט מען נישט פאר פּרנסה?"...

די זעלבע זאַך קען מען זאָגן לגבי 'קביעות עתים לתורה': "וואָס טוט מען נישט פאר פּרנסה?!"... **ריכטיג, אַגאַנצן טאָג מוטשעט מען זיך טאַקע פאר פּרנסה, אָבער מען דאַרף דאך האָבן די זאַך וואָס ברענגט אַריין די חיות און די שפע אַז די פּרנסה זאל טאַקע אָנקומען צום מענטש!** דאָס קען נאר פאַסירן דורך 'קביעות עתים'! **נו, אויב אַזוי, וואָס טוט מען נישט פאר פּרנסה?!**

טאָמער מען איז חלילה אָפּגעריסן פון השי"ת און פון תורה דעמאָלט קוקט מען אויס ווי די אַלע וואָס האָבן באַקומען זייער חיות פון אַ נישט ריכטיגע פּלאַץ און צום סוף האָט דאָס נישט געהאַט קיין קיום! דאָס איז דער נאַטירליכער 'סדר הבריאה' דאָ אויף דער וועלט, **אַז אויב מען טוט השתדלות אָן דעם אויבערשטן האָט דאָס נישט קיין קיום**, ווי מען האָט עס געזען ביי די 'מן' אין מדבר אַז ווען מען האָט פּרובירט אַוועקלייגן 'מן' אָן זיך פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן איז געווען "וירום תולעים ויבאש"! עס האָט נישט געקענט האַלטן!

## די באַהאַלטענע סכנה פון אַ מוצלח

דאָס אַלעס איז נוגע סיי ווען אַ מענטש האַלט נאָך ביי דער אָנהויב פאַזע, ווען ער זוכט אַ פּרנסה, און ער דאַרף האָבן ברויט צום טיש, אָבער דאָס איז פּונקט אַזוי רעלעוואַנט אויך שפּעטער, ווען דער מענטש האָט שוין יאָ אַ שטיקל פּאָזיציע, ער איז מסודר מיט אַ שטעלע און מיט אַ פּרנסה, זאָל ער זיך דעמאָלט נישט בוטח זיין אין זיין חכמה אָדער זיינע תחבולות, נאר בלויז אין השי"ת אליינס, ווייל אויב ער וועט זיך בוטח זיין אין אַנדערע זאַכן וועט ער צום סוף אַלעס פאַרלירן!

ווען אַ מענטש איז מסודר אויף זיין שטאַנד, ער האָט פּרנסה מיט הצלחות שוין אַ לאַנגע צייט, איז דאָ אַ געוואַלדיגע סכנה אַז ער זאָל דאָס תולה זיין אין זיין אייגענע פעאיגקייטן! ער איז רואיג ביי זיך ווייל ער זעט דאָך אַז בדרך הטבע קומט

> **די זעלבע זאַך קען מען זאָגן לגבי 'קביעות עתים לתורה': "וואָס טוט מען נישט פאר פּרנסה?!"...**

אַריין דאָס געלט, ער האָט שוין צענדליגער יאָרן עקספּערטיז און ערפאַרונג אין דעם געביט... **ער איז דער גרעסטער מומחה ביים היימישן ציבור אין דעם תחום... טאַקע דעמאָלט ווערט די נסיון אַזוי גרויס!** ווייל ער שפּירט אַז ער קען אליינס, פּונקט ווי ער האָט עס באַוויזן ביז יעצט.

ווען מען קומט אים פרעגן אויב מען קען זיך דורכרעדן איבער אַ פּראָבלעם, ענטפערט ער גלייך: "וואָס איז די שאלה? ווייסט וויפיל הונדערטער מענטשן כ'האָב שוין געהאָלפן?!". **ער טראַכט נישט קיין מינוט פון תפלה אָדער בטחון**, ווייל ער האָט דאָך שוין געהאָלפן אַזויפיל מענטשן... דאָרט ליגט די סכנה!

## זיך בוטח זיין בעצמו ברענגט אַ נאַטירליכע רעאַקציע פון פאַרלירן חיות

אַ מורא'דיגע לשון שטייט אין ספה"ק **באר מים חיים** פּרשת וישלח, אַז ווען דער אויבערשטער וויל משפּיל זיין אַ גוי, אָדער אַ פאָלק, אָדער אן אדם רשע, גיט ער זיי קודם אַ 'גדולה', אַ 'מלכות' און אַ 'ממשלה', וואָס דורך דעם ווערן זיי גרויס ביי זיך, און דאָס לייגט זיי אין דער ערד אַריין!

ווען דער רבוש"ע וויל מעניש זיין איינעם וואָס עס קומט אן עונש, ברענגט ער פאר יענעם אַן הצלחה און ווען יענער איז זיך בוטח בעצמו ווי קלוג און שטאַרק ער איז, **דאַרף מען שוין גאָרנישט טון!** יענער וועט שוין אויטאָמאַטיש האָבן אַ מפּלה! **ווייל דאָס איז די סדר הבריאה! אויב מען פאַרלאָזט זיך אויף די אייגענע כוחות שלעפּט מען זיך אַרויס פון דעם אמת'ן חיות און מען גייט קאַליע!**

אין **מדרש רבה** (פּרשת מטות) ווערט אויסגערעכנט אַז ס'איז געווען צוויי חכמים, איינער אַ איד און דער אַנדערער אַ גוי, אחיתופל פון די אידן, און בלעם פון די אומות העולם, און ביידע זענען נאבד געוואָרן פון דער וועלט; דאָס זעלבע איז געווען צוויי גבורים, שמשון פון די אידן און גלית פון די אומות העולם און ביידע זענען נאבד געוואָרן פון דער וועלט; ס'איז געווען צוויי עשירים, קרח פון

די אידן און המן פון די אומות העולם, ושניהם נאבדו מן העולם. פאַרוואָס? זאָגט דער מדרש **ווייל זיי האָבן נישט גענומען זייער מתנה פונעם אויבערשטן נאר זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זייערע אייגענע כוחות און זיך אליינס געכאַפּט זייערע כשרונות און געלט!**

אויב מען פאַרגעסט די נקודה, אַז מען איז אינגאַנצן אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן, ברענגט דאָס אַז די הצלחה זאָל נישט האָבן קיין קיום חלילה.

## די ריכטיגע אופן פון דאַנקען השי"ת

דער יסוד איז אַזוי וויכטיג אַז אפילו ווען אַן ערליכער איד דאַנקט דעם אויבערשטן דאַרף מען נזהר זיין מ'זאָל נישט פאַרגעסן אַז **אויך נאָכ'ן באַקומען די ישועה** זענען מיר נאָך אַלס אָנגעוויזן יעדע רגע אַז דער רבוש"ע זאָל אונז באַגלייטן און געבן טובות!

אַמאָל קען אויסקומען אַז ווען מען דאַנקט דעם אויבערשטן ליגט דאָרט באַהאַלטן אַ געוויסע רואיגקייט: "איך בין שוין מסודר ב"ה, איך האָב געשריגן צום אויבערשטן ווייל כ'האָב שטאַרק געדאַרפט די ישועה, ב"ה אַז ס'איז ערלעדיגט, יישר כח רבוש"ע פאַר'ן מיך העלפן, מ'וועט זיך נאָכאַמאָל זען אי"ה ווען איך וועל דאַרפן די קומענדיגע ישועה"... **דער מענטש אָטעמט אָפּ כאילו ער קען זיך שוין אליינס אַן עצה געבן.**

## ותעמוד מלדת; דאַנקן און גלייך ווייטער בעטן אויף להבא

ס'איז באַקאַנט וואָס עס שטייט אין ספה"ק **מאור ושמש** (פרשת ויצא) וואָס ער האָט געהערט פון הרה"ק **דער רבי פון לובלין** זי"ע אַז דערפאַר שטייט ביי לאה "ותאמר הפעם אודה את ה' על כן קראה שמו יהודה ותעמוד מלדת", ווייל לאה האָט טאַקע געדאַנקט דעם אויבערשטן אָבער זי האָט נישט געבעטן אויף ווייטער און דעריבער האָט זיך אָפּגעשטעלט די השפעה. דאָס קומט אונז צו לערנען **אַז אפילו ווען אַ מענטש דאַנקט דעם אויבערשטן אָבער אויב בשעת מעשה לויפט אים דורך אַ מחשבה אַז די פּראָבלעם איז געלעזט און ער איז שוין מסודר**, וועט דאָס גורם זיין צו אָפּשטעלן די חיות פון דער זאַך חלילה.

דאָס דאַרף מען אַזוי שטאַרק געדענקן אַלעמאָל ווען מען האָט הצלחה און מען באַקומט גוטס, זאָל מען האָבן אָבער האָבן אין געדאַנק אַז יעדע רגע אויף ווייטער איז די הצלחה נאָכאַלץ אָנגעוויזן אין דעם חיות פון השי"ת. מען זאָל קיינמאָל נישט האָבן קיין רואיגקייט וואָס קומט פון זיך פאַרלאָזן אויף זיך אליינס!

## 'ביכורים' איז דאַנקן אויפ'ן עבר און בעטן אויפ'ן עתיד

די הייליגע ראשונים, דער **רמב"ם** און דער **ספר החינוך**, שרייבן אַז ווען אַ איד ברענגט ביכורים איז, בנוסף צו דעם חיוב פון 'הודאה' - לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר די פּירות, דאַרף ער אויך בעטן אויף ווייטער.

די מפרשים פרעגן שוין וואו איז דער מקור דערצו; ס'איז דאָ וואָס צייכענען צו אַז דער מקור איז פון אַ מדרש חז"ל, און אַנדערע זענען אַזוי מדייק פון די פסוקים, אָבער אַלעמפאַלס זען מיר דאָ די זעלבע נקודה וואָס די ראשונים כמלאכים

> **אפילו רבי עקיבא אליינס האָט נישט געקענט מתפלל זיין אַזעלכע סאָרט תפלות ווי רחל אשת רבי עקיבא!**

לערנען אונז אַז **טאַקע ווען אַ איד דאַנקט דעם אויבערשטן דאַרף ער זיין געוואָרנט ס'זאָל נישט בלייבן אַן אומריכטיגע הרגשה כאילו ער איז שוין מסודר** און ער דאַרף שוין נישט אָנקומען אַזוי שטאַרק חלילה צו השי"ת.

## פאַרוואָס איז רבי עקיבא נישט אַריין אין שטוב באַגריסן?!

אַז מ'רעדט וועגן דעם ענין איז דאָ אַ גאָר טייער וואָרט וואָס ברענגט שטאַרק אַרויס די נקודה:

אַלע ווייסן וואָס די גמרא דערציילט אויף רבי עקיבא וואָס זיין פרוי רחל האָט אים געשיקט לערנען תורה און ער איז נישט געווען אינדערהיים פאַר 12 יאָר רצופות. ענדליך נאָך 12 יאָר ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער געהערט פון הינטער די טיר, ווי זי זאָגט פאַר אַ שכנ'טע אַז אויב וואָלט ער מיך געפאָלגט וואָלט ער געגאַנגען פאַר נאָך צוועלף יאָר. און רבי עקיבא האָט זיך טאַקע אויסגעדרייט און איז צוריקגעגאַנגען לערנען ביז די ענדע פון 24 יאָר ווען ער איז אַהיימגעקומען מיט 24 טויזנט תלמידים און ער האָט זיך אויסגעדרוקט "שלי ושלכם שלה היא".

איז באַקאַנט וואָס די וועלט פרעגט, פאַרוואָס איז רבי עקיבא ניטאָמאָל אַריין אין שטוב באַגריסן איידער ער איז צוריקגעגאַנגען אין בית המדרש, און די וועלט ענטפערט אַז "צוועלף מיט צוועלף איז נישט קיין פיר און צוואַנציג". מען זאָגט דאָס נאָך בשם הגאון רבי חיים שמואלביץ זצ"ל, אָבער עס שטייט שוין פון פריערדיגע.

## רבי עקיבא'ס תורה האָט געהאַט אַן אייביגע קיום

ס'איז פאַראַן נאָך אַ הפלא'דיגע ביאור אויף די מעשה, אַז באמת ווען מען קלערט אַריין אין דער געוואַלדיגער 'קיום' פון רבי עקיבא'ס תורה איז דאָך עס וואונדערליך ביז גאָר! רבי עקיבא איז דאָך געווען דער רבי פון די הייליגע תנאים, רבי שמעון בר יוחאי, רבי מאיר, רבי יהודה, וואָס זיין תורה איז געבליבן אויף אַלעמאָל. **ממש די גאַנצע ששה סדרי משנה איז פון רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים!** זיין המשכת התורה בנגלה ובנסתר, איז לכאורה די שטאַרקסטע קיום אויף דער בריאה, וואָס גאַנץ כלל ישראל לעבט אויף דעם ביז'ן היינטיגן טאָג!

**אַזאַ סאָרט מורא'דיגע קיום מוז האָבן יונק געווען פון אַ געוואַלדיגע 'חיות' אַז ס'זאָל זיך האַלטן אַזוי שטאַרק און לאַנג**, ווי דער חובת הלבבות זאָגט אַז דער קיום פון יעדע הצלחה איז לויט וויפיל מען האָט געדענקט אַז מען איז אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן.

## די 'עומק התפלה' פון 'רחל אשת רבי עקיבא'

פון וואו איז אים טאַקע אָנגעקומען אַזאַ שטאַרקע מקור החיות?! ווייל ווען רחל אשת רבי עקיבא האָט אים געשיקט לערנען תורה האָט זי דאָך נישט געוואוסט וואָס דאָ וועט זיין, איר האַרץ האָט געקלאַפּט **אָן קיין שום פאַרזיכערונג אַז ער וועט עפּעס אויסוואַקסן!** זי האָט דאָך אַוועקגעגעבן אַלעס פאַר זיין תורה און דעריבער האָט זי מתפלל געווען מיט איר גאַנצע האַרץ און מיט אַ געוואַלדיגע טיפע געבעט אַז רבי עקיבא זאָל פאַרשטיין די הייליגע תורה.

אויך נאָכדעם וואָס ס'איז אַריבער טעליכע יאָר האָט זי ווייטער געדאַוונט מיט די זעלבע צעבראָכנקייט און מיט דעם זעלבן געפיל אַז **בלויז השי"ת קען העלפן!** ווייל זי האָט דאָך נישט געוואוסט וואָס איז געוואָרן מיט אים. זי האָט קיינמאָל נישט באַקומען גרוסן אויב ער איז טאַקע מצליח און זי האָט דערפאַר אַלעמאָל געדאַוונט **מיט אַ שלימות'דיגע געפיל פון אָנגעוויזנקייט אין דעם אויבערשטן!**

אויב רבי עקיבא וואָלט אַהיימגעקומען נאָך צוועלף יאָר און דערציילט אַז ב"ה ער איז מצליח מיט'ן לערנען, וואָלטן אירע תפלות שוין נישט געווען דאָס זעלבע במשך די קומענדיגע צוועלף יאָר! אודאי וואָלט זי ווייטער געדאַוונט **אָבער זי וואָלט שוין געהאַט די געוויסע רואיגקייט אַז ב"ה ער לערנט פלייסיג, עס וואָלט געפעלט די 'עומק הלב' פון די תפלות!**

## דער שלימות'דיגער קיום איז בלויז דורך תפלה מיט אַ גענצליכע אָנגעוויזנקייט אויף השי"ת

דערפאַר איז רבי עקיבא ניטאָמאָל אַריינגעקומען אין שטוב באַגריסן, ווייל **בלויז אַזעלכע תפלות, ווען אַ מענטש שפירט זיך גענצליך הילפסלאָז און אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן, נאר אַזאַ געבעט און נאר אַזאַ געפיל קען ברענגען די גרויסע מדריגה פון רבי עקיבא'ס תורה וואָס האָט אַן אייביגע קיום!** דאָס האָט ער שפּעטער געזאָגט: **"שלי ושלכם שלה היא"** - זיין גאַנצע תורה האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקן, נישט בלויז פאַר איר מסירת נפש, נאר **ווייל אירע תפלות זענען געווען מיט'ן גאַנצן עומק פון בטחון בה'.**

אפילו רבי עקיבא אליינס האָט נישט געקענט מתפלל זיין אַזעלכע סאָרט תפלות ווי רחל אשת רבי עקיבא! אירע תפלות האָבן געהאַט אַ געוויסע מעלה ווייל זי האָט דאָך במשך די גאַנצע 24 יאָר בכלל נישט געוואוסט איבער זיין גרויסקייט בתורה, **איז זי געווען אינגאַנצן אָנגעהאַנגען אויפ'ן אויבערשטן!** ביי אירע תפלות האָט זי געהאַט די פולקאָמע הרגשה אַז בלויז דער רבוש"ע קען איר העלפן און דערפאַר איז טאַקע זיין תורה געווען אין איר זכות - שלה היא!

דאָ האָבן מיר נאָכאַמאָל דעם יסוד וואָס דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז כדי די 'הצלחה' זאָל האָבן אַן אמת'ע קיום מוז דאָס קומען דורכדעם וואָס דער מענטש געדענקט יעדע רגע, אַז **'אַלעס קומט בלויז פון דעם אויבערשטן'** און ער איז גענצליך אָנגעוויזן אויף יעדן טריט צו די סייעתא דשמיא פון השי"ת! נאר אַזוי קען די הצלחה האָבן אַ קיום אויף ווייטער!

# ובטובו הגדול תמיד לא חסר לנו; די רואיגקייט און 'מנוחת הנפש' וואָס בטחון ברענגט

## נאַטירליך וויל מען שפּירן פאַרזיכערט

ווען מען לערנט אַזעלכע ווערטער פונעם חובת הלבבות איז דאָ מענטשן וואָס שפּירן אַז זיי קענען נישט אַלעמאָל לעבן אויף אַזאַ אופן, צו אייביג אַרומגיין מיט אַ הרגשה אַז ער איז קיינמאָל נישט פאַרזיכערט און ער איז אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן מיט יעדע אָטעם; דער מענטש בטבע וויל פילן אַז זאַכן זענען מסודר אין זיין לעבן, ער וויל נישט טראַכטן אַז ער דאַרף אַלעמאָל חושש זיין 'מה יולד יום'.

## די ריכטיגע באַדייט פון 'חזקה דמעיקרא'

מענטשן פרעגן נאָכמער, אַז אפילו על פי הלכה איז דאָ דער כלל פון "חזקה דמעיקרא", וואָס מיינט אַז מען שטעלט דעם יעצטיגן מצב אויף די חזקה פון ביז יעצט; אַז ס'איז געווען אַזוי ביז היינט וועט עס זיין ווייטער אויך אַזוי. חז"ל לערנען דאָס אַרויס פון די הלכה ביי 'נגעי בתים' אַז דער כהן גייט אַרויס פון דאָס הויז וואו ס'איז דאָ אַ 'נגע' און ער איז מטמא די שטוב, טראָצדעם וואָס אפשר איז די 'נגע' שוין אַוועקגעגאַנגען בשעת דער כהן האָט זיך נישט געפינען דאָרט, ווייל מען זאָגט אַז מען קוקט אויף 'חזקה דמעיקרא'.

נו, אויב אַזוי, פאַרוואָס דאַרף מען אַלעמאָל לעבן מיט אַן הרגשה אַז מען איז נישט פאַרזיכערט און מען איז יעדע רגע אָנגעוויזן אַז דער אויבערשטער זאל באַגלייטן און העלפן?!

די תירוץ דערויף איז זייער פשוט אַז אודאי דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף די 'חזקה דמעיקרא', אָבער **'חזקה דמעיקרא' מיינט זיכער נישט אַז וויבאַלד מיר האָבן געזען מיט אונזערע פליישיגע אויגן אַז אַלעס פאָרט על מי מנוחות וועט דאָס ווייטער אַזוי בלייבן אויף אייביג.** לאָמיר זיך אומקוקן אויפ'ן גאס וויפיל מאָל עס איז ליידער נישט אַזוי, אודאי האָפט מען צו הערן בלויז גוטע בשורות, אָבער עס האָט דאָך שוין פּאַסירט אַזויפיל אַז פון איין מינוט צו דער אַנדערער האָט דאָס לעבן פון מענטשן זיך געטוישט דראַסטיש מיט פּלוצים'דיגע אומגליקן ל"ע.

מיינט דאָס אַז יעצט דארף קלאַפּן דאָס האַרץ שטענדיג מיט פחדים?! חלילה! מיר דאַרפן האָבן אַ 'חזקה דמעיקרא' אַז **פּונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט אונז מטיב געווען ביז יעצט, וועט ער אונז זיכער מטיב זיין אויך ווייטער!** אַזוי זאָגן מיר ביי ברכת המזון: "**ובטובו הגדול תמיד לא חסר לנו**" - וויבאַלד מיר זען אַז ער האָט אונז אַלעמאָל געגעבן אונזערע צרכים, דעריבער זענען מיר פאַרזיכערט אַז "**ואל יחסר לנו מזון לעולם ועד**" - ער וועט אונז אויך ווייטער העלפן אַלעמאָל!

## דער רבוש"ע וואָס האָט געהאָלפן ביז יעצט וועט זיכער העלפן ווייטער

אודאי דארף אַ איד זיין רואיג און זיך נישט זאָרגן! **בטחון מיינט דאָך דאָס, אַז מען זאָל אַלעמאָל האָבן אַן אמת'ע מנוחת הנפש!** נאר אַנשטאָט מען זאָל האָבן די רואיגקייט דורך זיך פאַרלאָזן אויף די אייגענע כוחות און כשרונות מיט אַזעלכע מחשבות פון: "אויב ביז יעצט האָב איך זיך אַן עצה געגעבן מיט מיינע פעאיגקייטן וועל איך זיך ווייטער אויך מסדר זיין", **זאָל מען זיך גענצליך איבערגעבן פאַר'ן אויבערשטן, וואָס ער איז דער גרעסטער מטיב!** "פּונקט ווי ער האָט מיך אַלעס געגעבן ביז היינט, וועט ער מיך זיכער ווייטער העלפן!".

ווען אַ איד לעבט אַזוי האָט ער **די אמת'ע מנוחה און רואיגקייט!** ער ווייסט אַז יעדע רגע קען אים דער אויבערשטער אַוועקנעמען אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט, אָבער **ער ווייסט אויך אַז דער רבוש"ע וועט אים עפּעס אַוועקנעמען וועט דאָס זיין די בעסטע זאַך פאר זיין טובה**, און ער איז זיך מחזק מיט בטחון אַז דער אויבערשטער וועט אים ווייטער געבן 'טוב הנגלה', פּונקט ווי ער האָט אים געהאָלפן ביז היינט!

## האסט אָנגעזעצט?! זיי בודק דיין קשר מיט'ן 'מקור החיות'!

לויט די אויבנדערמאַנטע ווערטער פונעם חובת הלבבות קומט אויס אַז ווען אַ מענטש זעט אַז ער איז נישט מצליח מיט אַ געוויסע זאַך, **דאַרף ער אַלס די ערשטע שריט זיך מתבונן זיין צי ער איז מחובר צו דעם מקור החיות;** צי ער געדענקט דעם אויבערשטן!

געווענליך ווען אַ מענטש האָט אָנגעזעצט מיט זיינע פּלענער וועט ער די ערשטע זאַך אָנהויבן באַשולדיגן אַנדערע: "פאַרוואָס האָסטו מיך נישט אָנגערופן זאָגן?! פאַרוואָס האָסטו מיך נישט געפאָלגט?!", אָדער באַשולדיגט ער זיך אליינס: "איך בין אַזאַ שלימזל! וואו איז געווען מיין שכל?!".

דאָס איז אָבער אַלעס נאַרישקייטן! די איינציגע זאַך וואָס קען באמת געבן אַ קיום פאר די הצלחה איז **ווען מען געדענקט דעם אויבערשטן!** און פאַרקערט, אויב מען האָט חלילה פאַרגעסן פון אים דעמאָלט פּאַסירט אַ שאָדן! אַן ערליכער איד טראַכט דעריבער גלייך: "**אָה, כ'האָב ווייזט אויס זיך צופיל פאַרלאָזט אויף מיינע אייגענע כוחות, כ'האָב פאַרגעסן אַז מיין הצלחה איז געוואָנדן אין השי"ת**". אַזוי איז ער זיך טאַקע צוריק מקשר מיט דעם מקור פון חיות וואָס מאַכט אַז די זאַך זאל יאָ האָבן אַ קיום!

## געדענקן דעם רבוש"ע אויך ברוחניות

ביי חסידים פאַרציילט מען אַ מעשה פון הרה"ק רבי **דוד מיקולייבער** זצ"ל, תלמיד **הבעש"ט הק'**, אַז ער איז אַמאָל געפאָרן אין אַ ווייטע פּלאַץ צו ברענגען די מערסטע מהודר'דיגע ווין פאַר זיין רבי'ן דער בעש"ט הק'. ער האָט זיך דערפאַר אָפּגעמוטשעט עטליכע חדשים מיט אַ געוואַלדיגע האָרעוואַניע און זהירות צו פאַרזיכערן אַז אַלעס איז טאַקע מיט'ן גרעסטן תכלית ההידור.

ענדליך איז ער אָנגעקומען קיין מעזריטש צום בעש"ט מיט אַ וואָגן וואו ס'איז געליגן די ווין, אָבער ממש בעפאָר ער איז אַריין אין שטוב פון בעש"ט האָט ער אויף אַ רגע אַראָפּגענומען די אויגן פון דאָס ווין און פּונקט דעמאָלט האָט אַ גוי אַריינגעשטעקט אַ האָלץ אין די פאַס, אַזוי אַז ס'איז געוואָרן 'יין נסך'.

ווען ער איז אַריין צום בעש"ט הק' מיט אַ געוואַלדיגע צעבראָכנקייט און געפרעגט: "פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ עונש, איך האָב דאך אַזוי שווער געאַרבעט מיט אן ערליכע כוונה לשם שמים, צו האָבן כשר'ע ווין". האָט אים זיין רבי, דער בעש"ט הק', געזאָגט אַז ער האָט טאַקע אַלעס געטון ריכטיג אָבער **דאָס האָט פּאַסירט וויבאַלד ער האָט פאַרגעסן צו האָבן מער בטחון און זיך פאַרלאָזן אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן אָפּהיטן דאָס ווין. ער האָט נישט אַזויפיל געדאַוונט אויף סייעתא דשמיא!**

דאָס הייסט אַז ווען א מענטש פּרובירט צו טון אַ געוויסע זאַך, אפילו ברוחניות, אָבער ער זעט נישט קיין הצלחה, **זאָל ער וויסן אַז דאָס קומט ווייל ער האָט נישט געדענקט דעם רבוש"ע וואָס איז מחי' די זאַך!** דערפאַר קען עס נישט האָבן קיין קיום, אויך אויב ס'איז אַ הייליגע און וויכטיגע זאַך!

## די ערשטע טריט פון 'יפשפש במעשיו'; אויב מען געדענקט דאָס חיות פון השי"ת

דער **בעש"ט הק'** האָט טאַקע געטייטשט דעם מאמר חז"ל: "**הרואה יסורים באים עליו יפשפש במעשיו**" אַז ווען אַ מענטש זעט אַז ער פּרובירט מאַכן השתדלות, אפילו אויף די קלענסטע זאַך, און עס גייט אים נישט, זאָל ער די ערשטע זאַך מפשפש זיין אויב ער געדענקט אַז דער אויבערשטער איז מחיי די זאַך און בלויז ער קען אים העלפן.

די ערשטע מדריגה פון "יפשפש במעשיו" איז צו אַריינקלערן אויב ווען דו הייבסט אן דורכצופירן אַ זאַך האָסטו במחשבה די גאַנצע צייט אַז דו קענסט בלויז מצליח זיין מיט'ן אויבערשטן, און דו בעטסט טאַקע אַ תפלה בעפאָר, אינמיטן און נאָכדעם. **טראַכט גוט אַריין אויב דו לעבסט מיט דער הבנה אַז דער רבוש"ע איז מחי' ומהוה יעדע קליינע פּרט פון יעדע זאַך וואָס דו ווילסטו טון.** דאָס איז די ערשטע שריט פון "יפשפש במעשיו" וואָס מען דאַרף טון ווען מען זעט אַז עפּעס גייט נישט ווי געפּלאַנט! און נאר אַזוי קען מען זען אַ קיום און הצלחה בעז"ה!

**די איינציגע זאך וואס קען באמת געבן א קיום פאר די הצלחה איז ווען מען געדענקט דעם אויבערשטן!**

# חיזוק במאורעות הזמן

## לטוב לנו כל הימים;
### לאָמיר פאַרשטיין די באַדייט פון אמת'ע טוב אויף דער וועלט

יום שלישי בראשית, כ"ה תשרי תשפ"ד

א

# אין דבר רע יורד מלמעלה; אונזער אמונה אַז אַלעס וואָס פּאַסירט איז לטובה

### די צוויי יסודות פון בטחון, אַלעס פירט השי"ת און אַלעס איז 'טוב':

אין אַזעלכע זמנים וואו מיר שטייען יעצט, דאַרף מען אַסאַך חזר'ן די יסודות פון אמונה, אַז מען זאָל האָבן די ריכטיגע חיזוק וויאַזוי דאָס צו מקיים זיין, **נישט בלויז אויף אַן אופן פון "ללמוד וללמד", נאר אויך צו קענען לעבן דערמיט אויף למעשה "לשמור ולעשות ולקיים"!**

איינס פון די מערסט יסודות'דיגע און ערשטע כללים פון בטחון איז אַז איסערדעם וואָס אַ מענטש דאַרף געדענקן אַז דער רבוש"ע פירט די וועלט מיט יעדע פּרט ופרט, אַלעס איז מדוקדק מיט אַ פּונקטליכע השגחה פּרטיות, ווי די תורה הייבט זיך אָן "בראשית ברא אלקים" און אַזוי איז דאָס ממשיך יעדע רגע אַז ער פירט די גאַנצע בריאה אליינס אַלעמאָל.

איז דאָ נאָך אַ חלק פון בטחון: **אַז יעדע פּרט וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף דער וועלט איז 'לטובה'!** בלויז ווען אַ איד האָט דער 'שילוב' פון אָט די ביידע זאַכן; סיי אַז דער רבוש"ע טוט אַלעס און סיי אַז דער רבוש"ע טוט עס ווייל ער וויל געבן גוטס און דאָס איז די גרעסטע טוב. הערשט דעמאָלט באַקומט מען דעם 'געפיל' און די 'הבנה' פון זיך אמת'דיג פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן. ווייל ער גלייבט באמת אַז 'אַלעס איז דער אויבערשטער' און 'דער אויבערשטער טוט בלויז גוטס'!

### אין אַ צייט פון קלעם איז די ריכטיגע זמן גרמא צו חזר'ן בטחון

ווען מען שטייט אין אַזאַ צייט דאַרף מען דאָס אַביסל אויסשמועסן און פאַרברייטערן, צוערשט וויבאַלד ס'איז דאך יעצט אַ גרעסערע צורך צו געדענקן און לעבן מיט די ריכטיגע אמונה און בטחון. און אַזוי אויך איז יעצט אַ ספּעציעלע געלעגנהייט, **ווייל דער זמן איז מסוגל צו קענען לערנען די סוגיא אמת'דיג.**

ווילאַנג אַ מענטש געפינט זיך נישט אין קיין עת צרה, איז דער גאַנצער שמועס בנוגע אמונה ובטחון מער ווי אַ פיליזאפישע טעמע... ער קען אפילו נאָכזאָגן פּסוקים, משלים און רעיונות און ס'איז טאַקע זייער ריכטיג אַזוי צו טון ווייל מ'דאַרף דאך לערנען תורה.

אָבער וויפיל אַנדערש איז עס **ווען מען געפינט זיך ממש אין אַזאַ סאָרט מצב, דעמאָלט קען מען גוט קונה זיין די קנינים פון אמונה,** ווייל דער מענטש פרעגט די ריכטיגע שאלות, ער שפּירט אין האַרץ וועלכע חלק איז אים נאָכנישט גענוג קלאָר אויף אַ דרגא פון "לשמור ולעשות ולקיים"; דער מענטש באַקומט די הרגשה וואָס פאַראַ ידיעות איז ביי אים נאָך בלויז בגדר "חכמתו מרובה ממעשיו", און מען דאַרף דאך לערנען תורה אַז ס'זאָל זיין "מעשיו מרובה מחכמתו", ס'זאָל נישט בלייבן ביי דער ידיעה, נאר ס'זאָל אַריינגיין טיף ביז די חלק העשיה - בפּועל ממש.

ווילאַנג מען האָט נישט די נסיון איז זייער שווער צו וויסן אויב מען נאַרט זיך אָדער מען איז שוין אמת'דיג דערביי. לאָמיר דעריבער לערנען די סוגיא, **אַז מען זאָל למעשה'דיג מרגיש זיין די טיפע געפיל פון בטחון,** אַז יעדע זאַך איז לטובה!

> **ווען מען געפינט זיך ממש אין אַזאַ סאָרט מצב, דעמאָלט קען מען גוט קונה זיין די קנינים פון אמונה.**

### דער אייזערנער כלל פון 'טוב ה' לכל'

איידער מען גייט אַריין אין דער סוגיא דאַרף מען מקדים זיין אַז אַזויפיל פּסוקים פון דער תורה איז פול מיט אַ געוואַלדיגער יסוד, וואָס **די שטאַרקסטע זאָגט עס דוד המלך אין תהלים: "טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו".** דער רבוש"ע איז גוט און ער טוט גוטס אַלעמאָל און אייביג! **דאָס איז זיין מהות;** אַ מהות פון 'טוב ה' לכל'! די גאַנצע קאַפּיטל פון 'אשרי' פירט אונז אַריין אין אַזאַ סאָרט וועלט - צו געדענקן און חזר'ן אַז יעדע פּעולה פונעם אויבערשטן איז לטובה.

דער '**חובת הלבבות**' אין דעם צווייטן פּרק פון 'שער הבטחון' שטעלט אַוועק די יסודות וואָס מען דאַרף טראַכטן בתמידיות אַגאַנץ לעבן, וואָס דאָס איז דער יסוד פון דער גאַנצער תורה. דאָרט איז ער קובע אַז די ריכטיגע געפיל פון 'בטחון' קען בלויז קומען נאָכדעם וואָס דער מענטש פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן, אַז אַלעס וואָס דער אויבערשטער גייט נאר טון מיט אים איז צום גוטן! **אויב אַ מענטש טראַכט: "אפשר וועט מיך דער רבוש"ע יעצט טון אַ זאַך וואָס איז נישט גוט", קען אַזאַ מענטש נישט זיין קיין בוטח בה' אפילו אויב ער גלייבט מיט זיין גאַנצע האַרץ אין השגחה פּרטית!**

דער רבוש"ע פאָדערט פון אַ איד נישט בלויז אַז מיר זאָלן גלייבן אַז ער פירט די גאַנצע וועלט מיט אַלע דעטאַלן, נאר אַז מיר זאָלן אויך האָבן 'בטחון' מיט אַ געוואַלדיגע שמחה און רואיגקייט אַז מיר האָבן אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, ווייל אַלעס וואָס ער טוט מיט אונז איז די בעסטע זאַך! **אַזאַ בטחון ברענגט די ריכטיגע מנוחת הנפש**, און דאָס קען נאר פּאַסירן אויב דער מענטש געדענקט אַלעמאָל דעם יסוד, אַז נישט בלויז זענען מיר אין דעם אויבערשטנ'ס הענט, נאָר ער איז אַ רחום וחנון וואָס טוט בלויז גוטס!

### נישטאָ אַזאַ מציאות פון שלעכטס וואָס קומט אַראָפּ פון הימל

די חסידיי'שע ספרים האָבן נאָך מער מרחיב געווען דעם יסוד אַז **יעדע זאַך וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט איז דאָס אַ 'שפע' וואָס קומט אַראָפּ פון דעם אויבערשטן** און דער כלל איז אַז **"אין דבר רע יורד מלמעלה"!** נישטאָ אַזאַ באַגריף ווי אַ שלעכטע זאַך וואָס קומט פון אויבן! אַמאָל קען דאָס זיין מיט אַ צורה פון 'דינים'; אַמאָל קען דאָס אַראָפּקומען מיט אַ 'הסתר'; **אָבער יעדע זאַך איז אַ שפע פון הימל און ס'איז נישט שייך במציאות אַז ס'זאָל אַראָפּקומען אַ שלעכטע זאַך פון דעם 'מקור הטוב'!** אַזוי האָבן אונז געלערנט אַלע אונזערע צדיקים, וואָס 'מפיהם אנו חיים'!

אַזוי זאָגט טאַקע דער **מדרש** אויפ'ן פּסוק "וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד", אַז אַלעס איז גוטס! אפילו רשעים און אפילו דער יצר הרע, אפילו אַזעלכע זאַכן וואָס קענען אויסקוקן ווי אַ 'הסתר', איז אדרבה, דאָס איז 'טוב מאוד'! נאר עס פעלט אונז די כלים צו קענען פאַרשטיין דעם טוב דעריבער איז עס 'טוב הנסתר'.

### און אָפענע הלכה אין שלחן ערוך; חייב אדם לברך על הרעה

דאָס ווערט גע'פּסק'נט להלכה ולמעשה אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן רכ"ב סעיף ג): "חייב אדם לברך על הרעה בדעת שלמה ובנפש חפצה כדרך שמברך בשמחה על הטובה". אַלעמאָל ווען עס פּאַסירט אַ טרויעריגע זאַך איז די ערשטע זאַך **איז מען מחויב צו מאַכן אַ ברכה!** ווילאַנג מיר זענען נאָך דאָ בעולם הזה מאַכט מען די ברכה פון "דיין האמת", ווייל מיר זען נישט די טובה. אָבער לעתיד לבא וועט מען זאָגן די ברכה פון "הטוב והמטיב" פּונקט ווי מען דאַנקט אויף גוטע בשורות!

אַלענפאַלס זען מיר פון דער הלכה אין שו"ע אַז אויב דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן אַ געוויסע מצב **דאַרפן מיר דאַנקן דערפאַר.** לויט אַלע פּסוקים און לויט די הלכה איז דאָס די מחשבה וואָס אַ איד דארף טראַכטן און גלייבן, אַז אַלעס איז גוטס!

# לבעבור נסות אתכם; די עולם הזה'דיגע אָפּטייטש אויף 'טוב' לאָזט אונז נישט האָבן דעם אמת'ן 'בטחון' געפיל

## די שווערינקייט צו לעבן מיט אַזאַ ידיעה

למעשה, אַז מען איז זיך מתבונן, איז אָבער דאָ אַ גרויסע שווערינקייט פאַר'ן מענטש צו קענען באמת שפּירן און לעבן מיט אַזאַ סאָרט געפיל, עד כדי כך אַז דאָס זאָל אים ברענגען אַ רואיגקייט און אַ מנוחת הנפש.

איינס פון די עיקר סיבות פאַרוואָס ס'איז אונז אַזוי שווער צו כאַפּן די זאַך ווען מען געפינט זיך אין אַן עת צרה, איז **צוליב דעם וואָס איז אונזער מח האָט זיך שוין איינגעוואוינט צו טראַכטן הונדערטער טויזנטער מאָל עולם הזה'דיג.** מיר האָבן ביי אונז אין קאָפּ אַוועקגעשטעלט די מושגים פון 'טוב' און 'רע' אויף זייער אַן עולם הזה'דיגע אופן. דעריבער ווען עס קומט אונטער אַ צרה, סיי בכלל און סיי בפרט, קענען מיר נישט געהעריג אָפּטייטשן וויאַזוי דער מצב איז 'לטובה'.

## די הגדרה פון 'טוב' לויט דעם עולם הזה'דיגע בליק

די ערשטע זאַך דאַרפן מיר זיך פרעגן: "וואָס מיינט דאָס בכלל די אָפּטייטש פון 'טוב'"?

למען האמת, האָט דער מענטש זיך שוין אַוועקגעשטעלט אַ געוויסע הגדרה אויף 'טוב', וואָס האָט זיך אויפגעבויעט אין זיין קאָפּ פון די אַלע יאָרן וואָס ער דרייט זיך דאָ אויף דעם עולם הזה און ער לעבט צווישן מענטשן. ער קוקט זיך אַרום ווער ס'איז מצליח און ווער נישט; ער האָט געוויסע שאיפות וויאַזוי ער וואָלט געוואָלט אַז זיין לעבן זאל אויסקוקן; און לויט דעם האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַ בילד מיט די יסודות וואָס הייסט 'טוב'. ער חזר'ט די יסודות אַזויפיל הונדערטער מאָל יעדן טאָג אַז יעצט ווען ס'קומט אַן עת צרה, שטימט אים נישט דער מצב. עס ווערט ביי אים אַ קשיא: "**וויאַזוי קען מען טייטשן אַז אַזאַ זאַך איז 'טוב'? ס'איז דאך אַזאַ שרעק! אַזויפיל בלוט! אַזויפיל אכזריות! אַזויפיל הפסד און חסרון חיים! דאָס איז 'טוב'?! דאָס איז דאָך נישט קיין 'טוב'?!**"

## די דריי אָפּטייטשן פון 'טוב' לויט אונזער וועלטליכע הבנה

אַז מען וויל דאָס צולייגן אויף אונזער שפּראַך, טוט דער עולם הזה אַוועקשטעלן אַז ס'איז דאָ אַ שילוב פון דריי זאַכן וואָס דאָס איז די אָפּטייטש 'טוב': דאָס זענען **'באַקוועמליכקייט', 'פארזיכערקייט', און 'תענוגים'.** - דאָס איז דער סך הכל פון אַלע טויזנטער משלים וואָס אַ מענטש האָט אין זיין קאָפּ אויף דעם הגדרה פון 'טוב'.

## אונזער ערשטע אָפּטייטש פון טוב; באַקוועמליכקייט

דער מענטש אינוועסטירט זיין גאַנצע כח און צייט אַז ס'זאָל אים זיין 'באַקוועם'. ער וויל האָבן גענוג געלט, נישט חלילה צו טון עבירות, נאר צו זיין באַקוועם און לעבן "ווי אַ נאָרמאַלער מענטש".

ער זוכט לגמרי נישט צו זיין קיין מגושם נאָר ער וויל פשוט זיין באַקוועם. ער וויל שפּירן אַז זאַכן זענען מסודר און אַז ער האָט ב"ה וויפיל ער דאַרף האָבן. ער וויל קענען באַקוועם אַריינברענגען אַ יום טוב. ער וויל האָבן אַ געשמאַקע דירה. ער וויל קענען רואיג חתונה מאַכן די קינדער. א.א.וו.

דער מענטש זאָגט: "דער רבוש"ע וויל דאך איך זאָל חתונה מאַכן די קינדער, אויב כ'וועל נישט האָבן דאָס געלט וועל איך זיין פאַריאָגט און פאַר'דאגה'ט צו דעקן די קאָסטן. איך וויל לעבן מיט אַ ישוב הדעת".

## אונזער צווייטע אָפּטייטש פון טוב; פארזיכערקייט

דער מענטש וויל אויך זיין 'פאַרזיכערט'. געוויינליך טראַכט מען נישט דערפון צופיל ווילאַנג מען לעבט רואיג, אָבער ווען עס קומט חלילה אַ מצב וואָס מען שפּירט זיך נישט פאַרזיכערט דעמאָלט איז מען ממש אויס מענטש און מען ווערט פּרובירן צו טון אַלעס צו זיין פאַרזיכערט.

איינס פון די פּלעצער וואו דאָס קומט צום אויסדרוק איז ביי דער טעמע פון 'רפואה'. אפילו נאָכדעם וואָס דער מענטש איז שוין באַקוועם, אָבער אויב איז דאָ אַ געזונטהייט פּראָבלעם ביי זיך אָדער ביי איינע פון די קינדער איז ער שוין נישט 'מסיח דעת' זיין דערפון קיין איין רגע, ווייל ער ווייסט אַז אויב עס איז חלילה דאָ אַ פּראָבלעם ביי דעם ענין, דעמאָלט איז ער נישט פאַרזיכערט מיט גאָרנישט, די גאַנצע באַקוועמליכקייט איז שוין נישט נוגע.

ווען עס קומט צו אַ 'געזונטהייט' זאָרג **פאַרלירט דער מענטש דעם געפיל פון 'פארזיכערטקייט';** ער ווייסט נישט וואָס גייט זיין מאָרגן. עס העלפט אים נישט קיין געלט, כבוד אָדער תענוג, ווייל ער געפינט זיך יעצט אין אַ 'תולה ארץ על בלימה'דיגע' מצב. **ער איז נישט פאַרזיכערט מיט'ן לעבן, ה' ישמרינו.**

ביי אַ מצב פון מלחמה קומט דאָס אויך אַרויף שטאַרק. עס איז דאָ אַ פּחד ביים מענטש ווייל **ער ווייסט נישט 'מה יולד יום'.** ער וויל זיין פאַרזיכערט און אַז ס'איז דאָ אַ מלחמה נעמט דאָס אַוועק פון זיין ישוב הדעת.

## אונזער דריטע אָפּטייטש פון טוב; תענוג

נאָכדעם וואָס דער מענטש איז פאַרזיכערט און באַקוועם, יעצט האָט ער פּלאַץ פאַר 'תענוג': "**ס'איז ב"ה רואיג דער מצב, לאָמיר זיך אַביסל מתענג זיין**".

דער נפש זוכט תענוג יום ולילה, ווי עס שטייט אין ספרים הק' אַז **דער נפש האדם איז באַשאַפן געוואָרן צו באַקומען 'עונג'** און די בחירה איז בלויז פון וואו מען זאָל באַקומען די תענוג. אָבער אויב מען באַקומט דאָס נישט **זוכט עס דער מענטש מיט הונדערט ליכט.** דערפאַר באַלד נאָכדעם וואָס דער מענטש איז רואיג, ער איז פאַרזיכערט מיט זיין לעבן, **זוכט ער שוין גלייך תענוג**, אַזוי שטאַרק דאַרף דאָס זיין נפש האָבן!

## די שווערינקייט צו מקבל זיין אַז אַלעס איז טוב

אָט די דריי זאַכן ווערט ביי מענטשן אָנגערופן די תכלית פון 'טוב'. ווייל מיר זענען אַרומגענומען מיט אַזעלכע מחשבות אַגאַנצן טאָג! ווען מען זעט איינעם וואָס פאַרמאָגט די דריי זאַכן, 'באַקוועמליכקייט', 'פארזיכערקייט' און 'תענוג', טראַכט מען: "אָה, אים גייט גוט אויף דער וועלט". און אויב מען זעט עמיצן וואָס עס פעלט אים אפילו איינס פון די דריי זאַכן, האָט מען רחמנות אויף יענעם: "נעבעך, עס גייט אים נישט גוט אין לעבן".

דעריבער, ווען עס פּאַסירט חלילה אַ צרה, און דער מענטש וויל זיך מחזק זיין אַז אַלעס וואָס קומט פון הימל איז לטובה, איז דאָס זייער שווער צו אַרייננעמען אין מחשבה, ווייל **ער שפּירט אַז דאָס וואָס פּאַסירט איז נישט קיין 'טוב'!** די שווערע מצב שטימט אים נישט מיט די הגדרה פון 'טוב' וואָס ער האָט אין זיין קאָפּ.

## די תורה דערמאַנט דאך אויך אַזאַ סאָרט טוב?!

נאָך אַ שטאַרקע סיבה פאר די שווערינקייט איז אַז ווען די תורה רעדט פון 'טוב' שטימט דאָס 'אויבן אויף' מיט דאָס בילד וואָס דער מענטש האָט אין קאָפּ אויף 'טוב'! דער מענטש לערנט אין די תורה 'פּרשת בחוקותי', ווי דער פּסוק זאָגט "וישבתם לבטח בארצכם" און ער זעט אַז דאָס הייסט 'טוב'!

די תורה הק' גיט דאך למעשה פּלאַץ פאַר דעם זעלבן אָפּטייטש פון 'טוב', ווייל די תורה איז מבטיח די דריי זאַכן ווען עס וויל געבן ביישפּילן פון 'טוב'. אין דער פּרשה פון 'והיה אם שמוע' זאָגט די תורה: "דו וועסט האָבן געלט און רואיגקייט, ונתתי עשב בשדך לבהמתך ואכלת ושבעת, למען יאריכון ימיך" - **די 'באַקוועמליכקייט', דאָס הייסט 'טוב'!** די תורה איז אויך מבטיח: "כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך" - **אַז דו וועסט זיין 'פאַרזיכערט' פון מחלות ל"ע, דאָס איז 'טוב'.**

דאָס איז די זעלבע מושגים וואָס דער מענטש האָט אין זיין קאָפּ - 'באַקוועמליכקייט' און 'פארזיכערקייט', געלט און געזונט! די תורה רעדט אויך אַז ס'וועט זיין אַן 'ארץ זבת חלב ודבש' וואָס דאָס באַדייט 'תענוגים'! עס וועט נישט זיין בלויז ברויט, נאר וועסט האָבן בהרחבה גדולה, זיס און געשמאַק.

## דער נפש זעטיגט זיך נישט מיט קיין תירוצים

אַלענפאַלס איז דאך קלאָר אַז די אַלע דריי זאַכן האָט די תורה געשריבן אַז דאָס הייסט 'טוב'. ס'איז נישט קיין שקר! אַצינד אַז דער מענטש זעט דאָס אין זיין טאָג טעגליכע לעבן אין 'עולם הזה', און ער זעט אַז דאָס שטייט אויך 'אין דער תורה', איז זיין מסקנא זייער קלאָר, **אַז 'דאָס' הייסט 'הצלחה'!** ער האָט נישט קיין שום ספק דערינען, ווייל ער זעהט דאָס סיי אין 'בית המדרש' און סיי 'אויף דער גאס'!

דעריבער ווען ער גייט דורך אַ געוויסע פּרשה וואָס עס פעלט אים דאָרט איינס פון די דריי זאַכן, אָדער גאָר אַלע דריי ח"ו, איז זיין ערשטע געפיל אַז 'דאָס איז נישט קיין טוב'.

אַצינד הייבט ער זיך אָן מסביר זיין פאַרוואָס דאָס איז למעשה יאָ טוב. ער איז זיך מחזק: "מיר קענען נישט וויסן קיין חשבונות פון הימל". דאָס איז אַן אמת'ע אידישע תשובה, אָבער עס פעלט נאָך די נשמה דערפון! אָדער איז ער זיך מחזק אַז: "דאָס איז בלויז די אָנהויב פון דעם בילד, אַז כ'וועל וואַרטן וועל איך זען דאָס גאַנצע בילד אַז אַלעס איז געווען לטובה". דאָס איז אויך אַן אמת'ע און ריכטיגע

תשובה, **אָבער דער נפש האדם איז נישט איינגאַנצן מסכים צו אַקצעפּטירן די ביידע תשובות.** דער נפש זאָגט: "יאָ כ'הער... אָבער די תשובות זענען אַזוי ווי "ויש לומר בדוחק", עס איז זיך נישט מיישב אל הלב כאילו ס'איז שוין יעצט בכלל נישט דאָ קיין קשיא".

## צוליב דעם טעות האָבן מיר נסיונות ווען עס קומט צו 'קבלת יסורים באהבה'

די **גמרא** פאַרציילט (קידושין לט, ב) אַז רבי יעקב האָט געזען אַ מענטש גייט אַרויף אויף אַ לייטער צו מקיים זיין מצות כיבוד אב און ער איז אַראָפּגעפאַלן און געשטאָרבן, האָט ער געהאַט אַ קשיא אַז עס שטייט דאך ביי דער מצוה 'למען יאריכון ימיך'?! דער תירוץ איז אַז 'למען יאריכון ימיך' גייט אַרויף אויף עולם הבא. פאַרציילט די גמרא אַז 'אחר' (אלישע בן אבויה, דער רבי פון רבי מאיר) האָט אויך געזען אַזאַ סאָרט געשעעניש און דאָס האָט אים געברענגט צו אַפּלאָזן תורה ומצוות.

ווען מען זעט אַ זאַך וואָס שטימט נישט מיט די יסודות פון אונזער קאָפּ, דעמאָלט זאָגט דער מענטש: **"האסט טאַקע אַ תשובה, בסדר, אָבער די תשובה איז נישט אַזוי שטאַרק אַז יעצט האָב איך מער שוין נישט קיין קשיא. כ'הער וואָס דו זאָגסט"...** אַזוי אַרבעט עס בדרך כלל ווען דער מענטש וואַקלט זיך מיט די שוועריגקייטן צו האָבן ריכטיג בטחון. איבערהויפּט ווען ער געפינט זיך אין אַ שווערע מצב, זיין נפש איז פאַרקלעמט וויל ער האָט נישט די דריי זאַכן, 'באַקוועמליכקייט', 'פאַרזיכערקייט' און 'תענוג', און די קשיא בלייבט אים שטאַרקער פון דער תשובה.

דאָס איז געוועהנליך דער נסיון וואָס איז דאָ אויף דער וועלט ווען עס קומט צו 'אמונה', 'קבלת יסורים באהבה', 'דאַנקן דעם אויבערשטן מתוך צרה'. מען זאָגט פאַר'ן מענטש אַז ער זאָל דאַנקן דעם רבוש"ע פאַר זיינע צרות וויל דאָס איז כפרת עוונות און אויף יענע וועלט וועט מען דאַרפן אָפּקומען אַסאַך ערגער. **דער מענטש הערט, ער הערט אַלעס וואָס מען זאָגט אים, ער דינגט זיך נישט קיין מינות חלילה דערמיט, אָבער ער זאָגט: "מיין נפש האָט נישט יעצט די צרכים וואָס זי דאַרף האָבן צו שפּירן חיות, דעריבער קען איך נישט שפּירן דעם 'טוב'. איך קען פּרובירן זיך משתדל זיין דאָס צו זאָגן מיט מיין מויל, אָבער איך בין עס נישט מרגיש".** דאָס איז די נסיון וואָס אַ מענטש האָט אַלעמאָל אין אַזעלכע סאָרט מצבים!

## די צוויי מהלכים פון די ראשונים אויף 'חייב אדם לברך על הרעה'

אין די ערשטע שיעורים האָט מען דערמאָנט די צוויי מהלכים פון די ראשונים פאַרוואָס ס'איז טאַקע אַזוי אַז 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה'. דער **רבינו יונה** לערנט וויבאַלד די יסורים קומען פאַר 'כפרת עוונות', און דער **רמב"ם** לערנט וויל אַז מענטש ווייסט דאך קיינמאָל נישט דעם עתיד, און אַסאַך מאָל וועסטו אליינס זען אַז ס'איז געווען אַ טובה כאָטש וואָס דערווייל זעהסטו עס נישט.

דער מענטש זעט די ווערטער פון די הייליגע ראשונים, ער פּרובירט דאָס צו לערנען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אָבער די שאלה בלייבט: **וואָס קען אים העלפן דורכברעכן דעם 'מסך המבדיל', די מחיצה וואָס ליגט אויף זיין הארץ, אַז אויך זיין האַרץ זאָל מסכים זיין דאָס צו אננעמען און עס זאָל נישט בלייבן בלויז אַ זאַך וואָס ער זאָגט מיט'ן מויל?!**

## דער הייליגער רמב"ם קלאָרט אונז אויס די סוגיא

ס'איז ידוע וואָס דער **רמב"ם** אין **הלכות תשובה** (פרק ט' הלכה א') שטעלט אַוועק אַ שטאַרקער יסוד צו מסביר זיין דעם טעות וואָס מיר מאַכן איבער דעם אַפּטייטש פון 'וואָס איז טוב'.

**מיר דאַרפן טאַקע האָבן אַ רמב"ם וואָס זאָל אונז העלפן אויסקלאָרן דאָס ענין,** וויל ווען נישט וואָלט דער מענטש געטענה'ט אַז די תורה זאָגט דאך אַז דאָס איז 'טוב'... די תורה אליינס איז מסכים צו דעם עולם הזה'דיגן בליק אויף טוב... אַזוי זאָגן מיר דאך אין די פרשה פון "והיה אם שמוע" און אין "פרשת בחוקותי". דער מענטש טענה'ט: "זאָג מיר נישט יעצט אַז מען דאַרף בלויז האָבן הכנעה, און דאָס וועט ברענגען 'קרבת אלקים' וואָס דאָס איז די אמת'ע 'טוב'. זייער פיין, אָבער דאָס שטייט נישט אין דער תורה! אין פרשת 'והיה אם שמוע' שטייט נישט אַז אויב מען וועט פאָלגן די תורה וועט מען האָבן הכנעה מיט קרבת אלקים".

דאָס איז אונזער שוועריגקייט ווען מען לערנט די סוגיא און דערפאַר דאַרפן מיר האָבן דעם רמב"ם וואָס באַלייכט די אויגן מיט דעם ריכטיגן צוגאַנג.

## די סברא'דיגע קשיות פונעם רמב"ם

דער רמב"ם גיט אונז אַן ענטפער **וואָס איז געבויעט אויף אַ געוואַלדיגע שטאַרקע סברא.** דאָס האָט אַ באַזונדערע מעלה, וויל אַ זאַך וואָס האָט אַ סברא און דער מענטש קען דאָס גוט פאַרשטיין איז דאָס זיין האַרץ מקבל.

אויב הערט מען אַ תירוץ אָבער מען פאַרשטייט נישט די סברא דערפון, דעמאָלט אפילו מען ווייסט אַז ס'איז אמת איז דאָס אָבער נישט מתיישב אל הלב. אָבער ווען מען הערט אַ גוטע סברא ווערט דאָס אויך נתקבל על הלב און דאָס איז זייער וויכטיג, וויל אַזוי קען מען מקיים זיין דעם "והיו הדברים האלה על לבבך".

דער רמב"ם פרעגט אַזוי: די תורה איז טאַקע מבטיח אַז אויב מען וועט זיין ערליך וועט מען האָבן אַלע גוטע זאַכן פון דער וועלט, "ונתתי מטר ארצכם בעתו יורה ומלקוש", **אָבער וואָס טוט זיך מיט דעם כלל פון "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא"?!** פאַרוואָס גיט די תורה ביישפּילן פון שכר אויף דעם עולם הזה?!

אין די קשיא פונעם רמב"ם ליגט נאָך אַן עומק; אַז לכאורה לייגט זיך ניטאַמאָל אויפ'ן שכל אַז דער שכר פאַר קיום התורה איז די אַלע באַקוועמליכקייטן אויף דער וועלט. **וויאַזוי קען זיין אַז נאָך די אַלע מסירת נפש וואָס אַ איד פאַרגיסט בלוט פאַר'ן רבוש"ע וועט ער באַקומען שכר אַז ער וועט האָבן געגונג גראָז פאַר זיינע בהמות?!** איז דאָס טאַקע דער שכר פאַר אַ איד וואָס איז געווען ערליך אַז ס'וועט זיין 'ונתתי עשב בשדך לבהמתך'?! ממש אַזוי?! **אפילו מסברא איז דאָס נישט מסתבר!**

## 'נישט האָבן קיין צער' איז נאָכנישט קיין שכר

נאָכמער פון דעם דאַרף זיך אַ מענטש אליינס פרעגן:

ווען אַ איד איז טאַקע רואיג און באקוועם; ער האָט אַ גרויסע שיינע דירה, ער האָט וויפיל געלט ער וויל, ער האָט ב"ה אַלע זיינע באַדערפענישן, **הייסט דאָס שוין אַז ער האָט באַקומען שכר?!** לכאורה האָט ער נישט באַקומען קיין שכר, **בסך הכל פייניגט מען אים נישט!** דאָס איז דאך אַ געוואַלדיגע קשיא וואָס איז מכריח צו אָפּלערנען די סוגיא פון 'טוב' ווי דער רמב"ם.

אויב מען קוקט אויבערפלעכליך כאילו די איינציגע 'טוב' און 'שכר' פון דער תורה איז די אַלע עולם הזה'דיגע רואיגקייט און זיכערקייט, דעמאָלט איז פּשט אַז די בריאה איז אויסגעשטעלט צו דאַרפן ליידן פון מחלות, קרענק און פחדים. דאָס איז דער וועלט! און אויב דו וועסט מקיים זיין תורה ומצוות וועסטו נישט דאַרפן ליידן די אַלע זאַכן! באַקומסט אַ ברכה אַז 'וישבתם לבטח בארצכם' - וועסט זיין באַשיצט פון שרעק און אומבאַקוועמליכקייטן. **וואָס איז אָבער דער שכר?!**

לויט דעם שטחיות'דיגן עולם הזה'דיגן בליק זען מיר בעיקר אין די פסוקים פון דער תורה אַז דער שכר וועט זיין 'באַקוועמליכקייט' און 'פאַרזיכערקייט', מען וועט זיין געזונט, און מען וועט האָבן אַלע באַדערפענישן פאַר זיך און פאַר די בהמות און מען וועט האָבן אַ לאַנד וואו צו וואוינען. דאָס הייסט אַז בעצם קומט די וועלט אַז אַלעס זאָל זיין צעשמעטערט און פאַר'צער'ט, בלויז אויב דו פּירסט זיך ערליך וועסטו קענען זיצן רואיג אין דיין הויז. **און וואָס גייסטו טון דאָרט?! גאָרנישט! וועסט זיין רואיג! דאָס שטימט דאָך נישט!**

ג

# תכלית הטוב להיטיב; די גאַנצע גוטס פון דער וועלט איז בלויז אַ 'כלי' אַנצוקומען צום אמת'ן 'טוב' פון 'קרבת אלקים'

## דער שכר פון 'והיה אם שמוע' איז צו געבן כלים פאַר דעם ריכטיגן גוטס

אלא מאי, זאָגט אונז דער רמב"ם, לאָמיר אויסקלאָרן די סוגיא: **די אַלע שכר פון 'באַקוועמליכקייט' און 'פאַרזיכערקייט' זענען בלויז 'כלים'!** זיי זענען 'כלים' אַז דער מענטש זאָל קענען האָבן די ריכטיגע ישוב הדעת! אויב דער מענטש וועט זיין רואיג און צופרידן קען ער יעצט רעדן צום אויבערשטן, קען ער זיך פאַרטיפן אין לערנען תורה, ער קען טון מצוות, ער קען אַריינגיין אין דער וועלט פון דביקות אין השי"ת, ער קען שטייגן מיט נאָך חידושים, מיט נאָך תשובה, און מיט נאָך שירות ותשבחות. - **דאָס איז דער תכלית!**

דאָס הייסט אַז דער רבוש"ע האָט באַשאַפן די וועלט, 'בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ', און וואָס איז דער תכלית פון דער בריאה?! **אַז דער מענטש זאָל לעבן דאָ אויף דעם 'ארץ' אַ 'שמים'דיגער סאָרט לעבן.** דעריבער האָט דער רבוש"ע אַ גרעסערע חביבות צו דעם עולם הזה ווי צו די גאַנצע 'שמים'. ווי דער אור החיים הק' זאָגט אין אָנהויב פרשת בראשית, אַז **דער עיקר חביבות**

**פונעם אויבערשטן איז ווען מענטשן זאָלן זיך אַרויסדרייען פון די מושגים פון עולם הזה און לעבן שמים'דיג, מיט אַ דביקות אין דעם אויבערשטן!**

דער רמב"ם איז מסביר אַז ממש דאָס שטייט אין די תורה! סיי אין 'פּרשת בחוקותי' און סיי אין דער פּרשה פון 'והיה אם שמוע'! אויב אַ איד איז מקיים תורה ומצוות, וועט ער באַקומען די 'כלים', די אַלע 'באַקוועמליכקייטן' און 'רואיגקייט', אַז **דורכדעם זאָל ער שפּעטער קענען זוכה זיין צו דעם ריכטיגן טוב! וואָס דאָס איז אַ לעבן פון קרבת אלקים!** ווייל אַז נישט, וואָס האָט מען דערפון אַז מען איז רואיג און באַקוועם?!

## באַקוועמליכקייט אליינס איז דאך זיכער נישט קיין שום תכלית

דאָס איז גלייך צו אַ מענטש וואָס רופט אן זיינע עלטערן און ער דערציילט מיט אַ שמחה: "נאָך דרייסיג יאָר פון שוויצן און זיך פּלאָגן בין איך אָנגעקומען צו מיין תכלית! שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה!".

ווען זיי פרעגן אים: "וואָס איז דיין תכלית וואו דו ביזט אָנגעקומען?!" זאָגט ער מיט אן התרגשות: **"געדענקסט אַז איך פלעג זיצן אויף אַ פּלאַסטיגע בענקל, וואָס פלעגט זיך כסדר שאָקלן און אַמאָל בין איך אפילו אַראָפּגעפאַלן דערפון?! היינט האָב איך געקויפט אַ נייע באַקוועמע בענקל!"**... פּשש... און דער מענטש לייגט נאָך צו און איז מסביר באריכות די אַלע באַקוועמליכקייטן פון דעם בענקל, אַז מען קען דאָס דרייען און מען קען בייגן די הענטלעך... פרעגט מען אים: "למעשה, וואָס טוסטו אויף דעם בענקל?!", - **"אָה, איך זיץ און איך פּאַרצייל פאר יעדן אַז ס'איז זייער באַקוועם!"...**

דאָס זאָגט אונז דער רמב"ם: **עס איז אוממעגליך אַז די 'רואיגקייט' און 'באַקוועמליכקייט' דאָס איז דער גאַנצער תכלית!** די אַלע גוטע זאַכן זענען בסך הכל 'כלים', געוואַלדיגע כלים, אַז מיר זאָלן דורכדעם קענען אָנקומען צו תכלית פון אמת'ע טוב! ווייל ווילאַנג דער מענטש איז נישט רואיג, איז זיין מח פאַרנומען מיט אַלע סאָרט טעכנישע זאַכן און שטותים, וואָס דאָס האַלט אים צוריק פון צו קענען עוסק זיין אין דעם שלימות'דיגן תכלית!

וואָס איז דער תכלית אליינס?! ווען אַ איד איז זוכה צו **לוחם זיין מיט זיין 'חלק הרע'**; ווען אַ איד איז זוכה צו **שפּירן אַ טעם אין שב"ק**; אַ איד איז זוכה צו '**תורה לשמה**'; צו '**תפלה בדביקות**'; צו '**קרבת אלקים**' וואָס קומט פון '**סור מרע**'. יעצט האָט ער געטון תכלית הבריאה! **יעצט האָט ער זוכה געווען צו דעם תכלית פון 'טוב'!**

אַז מען עפענט אַ בראשית חומש און מען לערנט "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", איז דער **אור החיים הק'** מבאר אַז צוערשט איז "והארץ היתה תוהו ובוהו" - יעדער איינער האָט קליפות מיט אַ יצר הרע. און דערנאָך איז "ויאמר אלקים יהי אור" - דאָס גייט אַרויף אויף די תורה און אויף די נשמה. דורכדעם קומט מען אָן צו "ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד", דער 'ערב' מיט'ן 'בוקר' ווערן איינס! עס ווערט אַ תכלית הבריאה!

## דער תכלית פון עולם הבא איז גאָר ווייט ווי דער עולם הזה'דיגער בליק

יעצט הייבט דער מענטש אָן צו כאַפּן וואו ס'איז געווען זיין טעות: דער וויכוח צווישן 'עולם הזה' און 'עולם הבא' איז אַ זאַך וואָס אויב מען איז זיך נישט מתבונן דעריינען קוקט עס אויס ווי זייער אַ דקות'דיגע חילוק, **אָבער אויב מען טראַכט ריכטיג אַריין איז דאָס אַ חילוק 'כמרחק שמים וארץ'.**

> **די אַלע גוטע זאַכן אויף דער וועלט איז בלויז 'כלים' אנצוקומען צו אָט דעם ריכטיגן טוב!**

אָן קיין התבוננות קוקט אויס וויביידע, סיי דער עולם הזה און סיי דער עולם הבא, זענען מסכים אויף די זעלבע זאַך, אַז דער תכלית פון 'טוב' איז צו זיין 'באַקוועם', 'פאַרזיכערט' און באַקומען 'תענוגים'. די שאלה בלייבט נאר וואָס הייסט תענוגים?! פון עולם הזה'דיגע זאַכן אָדער פון עולם הבא'דיגע זאַכן?!

אָבער נאָכדעם וואָס אַ איד איז זיך מתבונן לאַכט ער פּשוט פון די גאַנצע עולם הזה'דיגע מהלך אויף די אָפּטייטש פון 'טוב'. בוז יבוזו לו! ער פרעגט אַ קשיא וואָס איז נישט מעגליך צו פאַרענטפערן: **באמת? האסט משקיע געווען דיין גאַנצע לעבן אַז דו זאָלסט זיין באַקוועם?!** עס הייבט דאך נישט אָן צו שטימען דיין גאַנצע בליק אויף דער בריאה! דיין גאַנצע חיות נעמט זיך דערפון ווייל רוב עולם האָט נישט קיין געלט און דו האָסט יא... דערפאַר שפּירסטו זיך יעצט דערהויבן... שוין אָפּגערעדט אַז דו האסט דאך אויך חובות, אפשר נישט אַזויפיל ווי יענעם און אפשר נישט פאר מענטשן אין ביהמ"ד נאר אויף דעם קרעדיט קאַרטל... **עס קען דאָך נישט זיין אַז דאָס איז דער תכלית פון 'טוב'!** וויאַזוי קען אפילו זיין אַז 'באַקוועמליכקייט' איז דער גאַנצער תכלית פונעם לעבן?!

דאָס זאגט דער רמב"ם: די תורה לערנט אונז אַז אויב דו וועסט זיך פירן ערליך וועסטו באַקומען 'רואיגקייט' מיט 'פאַרזיכערקייט', **כדי אַז דורך דעם זאָלסטו קענען אָנקומען צו גאָר אן אַנדערע פּלאַץ!** די ישוב הדעת וועט דיך געבן די 'כלים' צו דערגרייכן דעם אמת'ן טוב! אויב וועסטו בוחר זיין בטוב וועסטו באַקומען אַ רואיגקייט וואָס דורכדעם וועסטו קענען לערנען תורה לשמה, דאַווענען מיט אַ דביקות און ווערן דבוק צו השי"ת.

## אויך אונזערע מדות טובות האָבן אַן אַנדערע תכלית ווי דעם גוי'ס

די קרבת ה' וואָס אַ איד באַקומט איז נישט בלויז פון תורה און תפלה, נאר אויך ווען ער גיט צדקה; ער טוט גמילת חסדים, ער פירט זיך מיט גוטע מדות, ער העלפט קראַנקע אידן, וכדומה.

די עולם הזה'דיגע וועלט וואָס שטייט אינדרויסן פון אידישקייט, אפילו להבדיל די גוים, אַנערקענען אויך אַז דאָס זענען געוואַלדיגע גוטע זאַכן, צו העלפן אַנדערע מענטשן, צו טיילן געלט פאר אָרימעלייט, אָבער **ביי איז דאָס נישט מיט דעם 'תכלית' פון אידישע קינדער.**

חוץ מזה וואָס ביים גוי זענען אַלע צדקות געמאַכט נאר צו אליינס פאַרדינען דערפון, ווי חז"ל זאָגן אונז שוין פון דעם פּסוק "חסד לאומים חטאת". - אָבער בנוסף לזה, די געפילן אליינס, דער רגש פונעם גוי צו וועלן טון גוטס, איז נישט דער אמת'ער תכלית. ווען מען וויל אויסלויבן אַ 'חסיד אומות העולם', וואָס איז דער גרעסטער שבח וואָס מען קען אים געבן?! אַז ער איז נישט געווען קיין אכזר! **ער האָט געהאַט געפילן פון אַ נאָרמאַלער מענטש!** ווען ער האָט געזען איינער שטאַרבט פון הונגער האָט ער אים געגעבן ברויט! ווען ער האָט געזען איינער אַנטלויפט פאר זיין לעבן האָט ער אים געראַטעוועט און אַריינגענומען אין שטוב! **בסך הכל איז ער נישט געווען קיין מושחת און קיין אכזר!** דאָס איז די גאַנצע תכלית פונעם בעסטן גוי!

ביי אַ איד איז נישט דאָס דער תכלית! אַלע מדות טובות און **אַלע חסדים וואָס אַ איד טוט איז נישט כדי ער זאָל זיין אַ פיינער מענטש, נאר די מטרה איז אַז דורכדעם זאָל ער ווערן אַ 'מרכבה לשכינה'!** וויבאַלד ער פירט זיך מיט די מדות פון הקב"ה ווערט ער אַ 'מרכבה' פאר די שכינה כביכול! דאָס איז דער תכלית.

דער נאָמען פון די מעשה איז נישט: "דו ביזט אַ פיינער מענטש", דער נאָמען פון די מעשה איז: **"דער איד איז געוואָרן בטל פאַר'ן אויבערשטן, דער רבוש"ע ריעט אויף אים, ער שפּירט געטליכקייט אַרום זיך"!** אַזוי ווערט אויסגעפירט דער גאַנצער תכלית פון דער בריאה - 'בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ', אַז ס'זאָל ווערן נתפּרסם זיין מלוכה אויף דער וועלט!

## צוויי סאָרט בקשות ביים דאַווענען

קומט אויס אַז ראש השנה ביים דאַווענען ווען מען זעט איין מענטש וויינט ביי 'ונתנה תוקף' און דער אַנדערער וויינט ביי 'וידע כל פעול כי אתה פעלתו', איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן זיי.

איין איד בעט פאַר'ן אמת'ן תכלית אַז דעם אויבערשטן'ס מלוכה זאל נתגלה ווערן. און דער אַנדערער שטייט ביים משפּט און ער בעט זיך ווייל ער וויל האָבן די דריי זאַכן; באַקוועמליכקייט, פארזיכערקייט און תענוגים. צוליב דעם האָט ער תשובה געטון און געגעבן צדקה, ווייל דאָס איז זיין תכלית.

אַזאַ מענטש לעבט אין אַ טעות! ער פירט זיך טאַקע אויף ווי אַ איד דארף זיך פירן ווייל ער ווענדט זיך צום אויבערשטן, **וואָס אין דעם קען מען נישט מזלזל זיין ח"ו.** דאָס אליינס איז דאך אַ דאורייתא אַז ווען אַ איד איז אין אַ צרה זאָל ער דאַווענען צו השי"ת און אויב ער טוט תשובה איז ער מקיים נאָך עטליכע מצות עשה דאורייתא'ס. אָבער ווען עס קומט צו דער 'נקודת הדברים', וואו ער וויל אָנקומען, **דאָרט לעבט ער אין אַ טעותץ**

## אַז מען האָט נישט אַרויס דעם אמת'ן טוב ווערט מען צעמישט ביי אַ 'נסיון'

אויב ס'איז נישט קלאָר ביים מענטש אַז די אַלע באַקוועמליכקייטן און רואיגקייט איז בלויז אַ 'מיטל' און אַ 'כלי' צו אָנקומען צו קרבת אלקים, דעמאָלט קען ער טאַקע ווערן זייער צעמישט מיט די 'יסודות הדת', יעדעס מאָל ווען עס פּאַסירט געוויסע שווערע מצבים אין לעבן.

ס'איז פּשוט נישט מעגליך אַנדערש, ווייל **ער לעבט דאך אַגאַנץ לעבן מיט דעם אַז די תכלית פון 'טוב' איז צו זיין 'באַקוועם' און 'פאַרזיכערט'**, דעריבער יעצט ווען עס קומט אונטער אַ סיטואַציע וואו דער סאָרט 'טוב' איז נישטאָ, האָט ער יעצט פּראָבלעמען מיט'ן 'אנכי ה' אלקיך', ווייל עס פעלט דאך אים זיין תענוג.

דעריבער איז אַזוי וויכטיג צו מסדר זיין די יסודות ביי אונז אין מח און אין האַרץ, **צו וויסן און געדענקן וואָס איז דאָס דער אמת'ער 'טוב'** און אַז די אַלע גוטע זאַכן אויף דער וועלט איז בלויז 'כלים' אָנצוקומען צו אָט דעם ריכטיגן טוב!

**חלק ב' פון דעם שיעור אי"ה אין דעם קומענדיגן גליון**